# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Lider In Shvarts/  Poems in Black

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/8m0902m2

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

**Author**
A. Luria, A. Luria/

**Publication Date**
1980

**Copyright Information**
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

א. לוריא / ניו־יארק

# לידער אין שוואַרץ

## שוואַרצע שטאָט

עס קלינגט דער גלאָק
עס קלינגט דער גלאָק
אין חשכות פון אַ טויטער שטאָט.

די פענצטער בלינד פאַרפלעקט מיט נאַכט
טיר־און־טויער צוגעהאַקט.

קיין ריר פון ווינט, פון בלאַט קיין שאָרך
עס שלאָפט
די שטאָט
אין שוואַרצן שלאָף.

בלויז אין דער אימהדיקייט שטום
אַ שאָטן שוועבט און שלייכט אַרום

אין שוואַרצער פּוסטקייט איך־אַליין
ער טראָגט זיך איבער שטאָק־און־שטיין

אין מיט פון נאַכט אין טויטער שטאָט
ווען ס'קלינגט
און קלינגט
און קלינגט
און קלינגט
דער גלאָק.

# רייטער פון האַלבנאַכט

## א.

אַ רייטער פון האַלב־נאַכט,
דיין פעך־שוואַרצער פערד
מיט ווינט אין דער גריווע,
ער וועט ניט דערגרייכן
צום האָרן פון מולד.

אין ווינט און אין נאַכט
זיינע זילבערנע טלאָען,
זיי וועלן פאַרזינקען ביים פוס פונעם באַרג.

אויף טונקעלע הייכן
צעבלאָזן די שטורעמס די שייטערס
פון שנייען.
די נאַכטפייגל הוילן אין שפאַלטן
פון פעלדז.

דער פעך־שוואַרצער פערד
מיט די זילבערנע טלאָען
אין נאַכט
ווערט פאַרזונקען.

פאַרזונקען.
פאַרזונקען.

## ב.

איך רייט אַליין אין נאַכט,
איך ווייס כ'וועל ניט דעררייטן,
אַ שוואַרצע קויל אין וואַלד
אין וועג וועט מיך צעבייטן.

אַ מייל פליט נאָך אַ מייל,
אַט וואַלד, אַט פעלדזן רויע,
ביי יעדער שטיין און שפאַלט
ליגט שטום די קויל אין לויער.

מיין פערד בלייבט פלוצעם שטיין
און שמעקט דעם שפור אין שנייען,
איך ווייס: די קויל און איך
היינט טרעפן זיך אין צווייען.

איך גיב מיין פערד די רוט
און לאָז זיך האַסטיק ווייטער,
דער וואַלד לעשט־אויס דעם שניי
און צינדט־אָן שוואַרצע שייטערס.

אַ פעכיק־שוואַרצער פלאַם
פאַרציט די פוסטע וועגן,
איך רייט אַליין אין וואַלד
דער שוואַרצער קויל אַנטקעגן.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר

G. FRYDMAN

Phone: 655-1292
פאַרוואַלטונג „חשבון"
337½ North Haywortth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048